בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## וַיִּשְׁלַח

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**זיך פרייען אז מ'איז זוכה משמש זיין דעם רבי'ן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אשרינו מה טוב חלקינו "אשר בנחל" שם חלקינו וגורלינו, אז מיר האבן די זכיה צו משמש זיין דעם רבי'ן דורכן העלפן פארשפרייטן זיינע ליכטיגע עצות פאר די וועלט. אין חב"ד רופט מען די וואס פארשפרייטן תורת החסידות 'שלוחים', מוהרא"ש האט דאס גערופן 'שמשים'; מוהרא"ש שרייבט צענדליגער מאל אין אשר בנחל אז ווי לאנג ער לעבט וועט ער זיין א 'שמש' פארן רבי'ן צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות פאר די וועלט. דארפן מיר זיך פרייען אז מיר האבן זוכה געווען צו משמש זיין דעם רבי'ן און מיר דארפן בעטן אז מיר זאלן אונזער גאנץ לעבן בלייבן געטרייע שמשים.

ווען מען רופט אריין אין אפיס און מען וויל געבן צדקה פאר א פדיון קען די געלט נישט גיין פאר קיין שום זאך, די געלט דארף אנקומען צו מיר פריוואט.

שטארק דיך ווייטער מיט דיין הייליגע ארבעט אויפצובויען מוסדות וואו מען איז מחנך קינדער - אינגלעך און מיידלעך - מיט די ריינע אמונה.

געדענק וואס דער רבי האט געזאגט: "נצחתי ואנצח!" איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן.

...

~~~~~~~~~~

**זייער וויכטיג מיטצוהאלטן די הלכות שבת אין סקול.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האלסט מיט די לימודים אין סקול און דו לערנסט גוט דורך הלכות שבת וואס מען לערנט אין סקול; אזוי וועסטו וויסן ווי אזוי צו זיין א אידישע מאמע און פירן א אידישע שטוב אויסגעהאלטענערהייט.

דער הייליגער צדיק רבי יונתן אייבשיץ זכר צדיק לברכה שרייבט (יערות דבש חלק ב', ב): "ווער עס האט נישט דורכגעלערנט הלכות שבת אפאר מאל איז נישט מעגליך ער
~~~~~~~~~~

זאל נישט עובר זיין אויף הלכות שבת", עיין שם. דעריבער איז זייער וויכטיג מיט צו האלטן דעם לימוד אין סקול.

איך וועל דיר ענטפערן מיטן אייבערשטנס הילף אויף אלע שאלות וואס דו פרעגסט:

א - צי מען מעג גיין שבת מיט שפיציגע שיך אויף דער ערד אלץ חורש וכו'; מען מעג גיין אויף דער ערד אפילו די שיך איז שפיציג און עס וועט מאכן א גריבל, ווייל עס איז א דבר שאינו מתכוון, מען האט נישט אינזין צו אקערן ממילא איז דאס נישט אסור. אפילו עס איז א זיכערע זאך אז עס וועט מאכן א קריץ (פסיק רישיה) דאך מעג מען דאס טון, ווייל דאס אז דער וועג ווי אזוי מען גייט, דעריבער האבן די חכמים נישט גוזר געווען אויף דעם (עיין משנה ברורה סימן שכ, סעיף קטן לט).

ב - צי מען מעג אויפהייבן שבת קודש עפלעך וואס איז אראפגעפאלן פון בוים; עס ווענדט זיך, אויב זענען די פירות אראפגעפאלן פון בוים אום שבת קודש דעמאלט טאר מען דאס נישט אנרירן; עס איז נישט קיין חילוק איינס אדער מער - ווייל עס איז מוקצה, אבער אויב מען ווייסט קלאר אז די פירות זענען אראפגעפאלן ערב שבת, דעמאלט איז די הלכה אז מען מעג אויפהייבן נאר איינס אויפאמאל דאס צו עסן, ווייל אויב מען הייבט אויף מער ווי איינס איז דאס אסור אלץ די מלאכה פון מעמר.

ג - צי מען מעג שפילן שבת מיט קליקס; מען מעג שפילן מיט קליקס, לעגאו וכדומה און עס איז נישט דא ביי דעם די איסור פון בונה, ווייל דאס איז נישט געמאכט עס זאל בלייבן אויף א לענגערע צייט, דאס איז בלויז געמאכט צו בויען און צו צענעמען, און אפילו עס וועט יא בלייבן פאר א שטיק צייט איז אויך נישט דא ביי דעם קיין איסור.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו זאגסט תהילים און דו האסט מסיים געווען דעם ספר תהילים די ערשטע מאל אין דיין לעבן; יעצט זאלסטו נאכאמאל אנהייבן ספר תהילים און דיין גאנץ לעבן זאלסטו זאגן תהילים, וועסטו האבן א גוט לעבן.

ווייז דעם בריוו פאר דיין טיטשער מרת ... תחי'.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**זאגן תהלים יעדן טאג.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויצא, ג׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו זאגסט תהלים יעדן טאג.

מען האט אמאל פארציילט פאר ר׳ נתן זכרונו לברכה אז עס זענען דא געוויסע חסידים וואס פירן זיך צו לייגן פארן גיין שלאפן אונטער זייער קישן א פלאש ברוינפן, און ווען זיי וועקן זיך אויף פרעגן זיי: ״משיח איז נאך אלץ נישט דא?״ דאן הייבן זיי אן טרינקען ביז זיי ווערן שיכור און שלאפן נאכאמאל איין, זייער צוגאנג איז אז ווי לאנג משיח איז נאכנישט דא דארף מען איינשלעפן דעם יצר הרע, ווייל ווען מען שלאפט זינדיגט מען נישט. האט ר׳ נתן געזאגט: ״דאס איז נישט קיין עצה; מען דארף לייגן א ׳תהילים׳ אונטערן קישן און ווען מען וועקט זיך אויף און מען זעט אז משיח איז נאך אלץ נישט דא, זאל מען אפיר נעמען דעם תהילים, זאגן אפאר קאפיטלעך און שרייען צום אייבערשטן״.

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין אייגענע שפראך - אויף אידיש, עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי תפילה והתבודדות.

פאלג דיינע עלטערן; דו האסט זייער חשוב׳ע עלטערן, וואס זיי זאגן דיר זאלסטו פאלגן מיט שמחה און פרייד.

...

~~~~~~~~~~

**אויב מען שיקט אוועק א מיידל פון א געים, זאלן אלע אוועק גיין פון די געים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויצא, ג׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

רעד שיין צו דיין חבר׳טע, זאג איר אז אויב זי לאזט נישט אנדערע מיידלעך שפילן מיט אייך וועסטו אויך נישט שפילן מיט איר. שעם זיך נישט ווען עס קומט זיך אנצונעמען פאר די מיידלעך וואס מען שיקט זיי אוועק פון א געים און געב דאס איבער
~~~~~~~~~~

פאר אלע מיידלעך: "אויב מען שיקט אוועק א מיידל פון א געים זאלן אלע אוועק גיין פון די געים", איר זאלט נאר שפילן מיט מיידלעך וואס גרויסן זיך נישט אויף אנדערע.

דאס אז דו שעמסט זיך וכו'; בושה איז זייער א גוטע מידה. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בושה, סימן ל): "מִי שֶׁאֵין לוֹ בּוּשָׁה, בְּיָדוּעַ שֶׁלֹּא עָמְדוּ רַגְלֵי אֲבוֹתָיו עַל הַר-סִינַי", בושה איז א סימן פון א איד; עס זענען דא צייטן ווען מען דארף אוועק לייגן די מידה פון בושה און זיין פעלזן פעסט מיט וואס מען טוט. ווען עס קומט צו אידישקייט, צו גיין אנגעטון בצניעות און אלע לאכן, דעמאלט דארף מען האבן עזות דקדושה אין זיך נישט צו ווערן איבערגערעדט פון די וואס לאכן, אזוי אויך ווען איינע פון די מיידלעך טשעפעט א צווייטן דארף מען לייגן די בושה אין דער זייט כדי זיך נישט נאכצושלעפן נאך די וואס פירט, הייסט און טשעפעט וכו', נאר טון וואס איז ריכטיג.

בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג דו זאלסט זיין שטארק מיט דיין אידישקייט און זיך נישט דערשרעקן פון קיינעם.

...

~~~~~~~~~~~

**דער יצר הרע זוכט מחליש דעת זיין יעדן, בפרט דעם וואס איז מחזק א צווייטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו האסט מיר זייער מחי' געווען מיט דיין בריוו; איך ליין דאס איבער נאכאמאל און נאכאמאל. יעדעס מאל איך ליין עס בלאזט דאס אריין אין מיר ממש א חיות, ווי דו לייגסט אראפ דיין לעבן, וואס דו האסט אלץ באקומען דא אין ישיבה ביים הייליגן רבי'ן; דיינע שיעורים כסדרן, דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין אפילו עס קומט דיר אן אזוי שווער, דאך דערמאנסטו זיך פון די דיבורים און דאס מאכט דיר לויפן אין שול.

דיין בריוו איז אריין געקומען ממש אין א מינוט וואס איך האב געטראכט צו מיר: 'וואס פעלט אויס די אלע שיעורים וואס איך געב און בריוו וואס איך שרייב וכו'?' דו ווייסט דאך אז דער יצר הרע זוכט מחליש דעת זיין יעדן איינעם, בפרט איינער וואס איז מחזק א צווייטן - אים זוכט ער מער צו צעברעכן. אסאך מאל קומט מיר אריין אין מחשבה אז איך זאל אויפהערן שרייבן בריוו און אויפהערן געבן שיעורים; פונקט אין די מינוט האב איך באקומען דיין בריוו און געזען ווי דו שרייבסט מיר אז די דרשות און
~~~~~~~~~~~

בריוו וועקן דיר אויף פון דיין שלאף, עס שלעפט דיר צוריק אין שול און שלעפט דיר צוריק צום אייבערשטן.

שטארק דיר און זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים כסדרן; קוק נישט אויף אנדערע חברים אז זיי לערנען מער ווי דיר, געדענק וואס דער הייליגער תם האט אונז געזאגט (סיפורי מעשיות, מעשה ט מחכם ותם): "דאס איז זיין מעשה און דאס איז מיין מעשה".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**הערן נאר פון ערליכע זינגערס און פון ערליכע בדחנים.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען מען נעמט אראפ ניגונים פון א צווייטנס עס-די קארד דארף מען זייער אכטונג געבן אז עס זאל נאר זיין ערליכע ניגונים.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", ווער עס הערט ניגונים פון נישט אן ערליכער זינגער וועט אים אנקומען שווער צו דינען דעם אייבערשטן, און אויב מען הערט ניגונים פון אן ערליכן זינגער וועט עס אים צוהעלפן צו עבודת השם.

געלויבט דעם אייבערשטן אז היינט זענען דא אסאך טעיפס און סידי'ס פון ערליכע אידן וואס ענטהאלטן ווארימע חסידי'שע ניגונים, דאס איז גוט צו הערן און אויך געבן פאר קינדער צו הערן. ווידעראום זענען דא אסאך ניגונים פון זינגערס וואס זענען נישט קיין ערליכע אידן, אז מען הערט דאס שטערט דאס צו עבודת השם.

מוהרא"ש זאגט אז א זינגער וואס שניידט די בארד און פיאות זאל מען נישט הערן.

דערפאר זאלסטו אכטונג געבן ווען דו נעמסט אן עס-די קארד פון א חבר'טע צו קאפיען זאלסטו וויסן וואס דו קאפיסט, עס זאל נישט ליגן אויף דיין סענסע ניגונים וואס דער רבי לאזט נישט הערן. אזוי אויך זענען דא פילע קאלעקשנס פון בדחנים און ליצים; דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו הערן קיין ליצנות פון לצים נאר אויב די בדחנות זענען געזאגט געווארן מיט די תנאים פון רבי'ן.
~~~~~~~~~~

דער רבי האט געזאגט אז מען קען זאגן ווערטלעך מיט די פאלגענדע דריי תנאים: "1 - אן קיין ניבול פה; 2 - נישט אויף א צווייטנס חשבון; 3 - מען זאל נישט מיינען זיך", און דער רבי האט אויסגעפירט: "היינט גייט זאגט ווערטלעך".

איינער וואס רעדט ניבול פה - זאגט דער רבי (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן א) - איז א סימן אז זיין הארץ איז פול מיט זינד; מען דארף אנטלויפן פון מנובלות אזוי ווי מען אנטלויפט פון פייער, דאס שאדט נאך אסאך מער פארן מענטש ווי ניגונים וכו'.

איך פריי זיך זייער שטארק צו הערן אז דו האסט מסיים געווען די דרייסיגסטע מאל 'ספר תהילים'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט בקרוב טרעפן דיין זיווג און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

...

~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן באשטעלן טיקעטס אויף אומאן ראש השנה.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן באשטעלן טיקעטס פאר מיר און מיינע קינדער פאר ראש השנה שנת ה'תש"פ.

מען קען טראכטן עס איז נאך זייער פרי, וואס דארף מען שוין זארגן אויף ראש השנה? אבער ביי אונז לעבט מען א גאנץ יאר מיט ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן תג): "מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה", ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך א גאנץ יאר פרייען מיט דעם.

זאלסט איבערגעבן פאר אלע בחורים ווען איך פאר אז זיי זאלן מיט קומען און פארן צוזאמען; מוהרא"ש האט מיר געזאגט איך זאל נעמען די בחורים צוזאמען מיט מיר כדי זיי זאלן זיין אפגעהיטן דורכאויס די גאנצע וועג.

איך דאנק דיר פארן מיר אויסלייגן די געלט, איך האף צום אייבערשטן דיר צו באצאלן צוביסלעך.

יישר כח פארן העלפן צאלן די רענט חודש'ליך.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**וואס טוט מען מיט פחדים?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת ויצא, ג׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זאלסט יעדן טאג דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער האט געטון מיט דיר, אז ער האט דיר געראטעוועט פון זיך דערטרענקען אינעם טייך ה׳ ירחם.

מען הערט אזויפיל מעשיות ווי מענטשן גייען שיפלען און ווערן דערטראנקען; דערפאר אז דער אייבערשטער האט דיר געראטעוועט, מען האט דיר ארויס געשלעפט פון טייך און דו לעבסט, דו ביסט געזונט און שטארק - זאלסטו נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן.

אז דו ווילסט אז די שרעק זאל אוועק גיין פון דיר זאלסטו מער נישט מורא האבן פון וואסער. וויסן זאלסטו אז די שרעק וואס דו האסט יעצט פון וואסער איז א נארמאלע זאך, ס׳איז נארמאל אז א מענטש האט מורא פון א זאך וואס איז געווען א סכנה פאר אים.

בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט נישט האבן קיין שום פחדים און שרעק; געוואוין זיך צו נישט צו חנפ׳נען קיינעם וועסטו זוכה זיין צו וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמת, חלק ב׳, סימן ו): ״מִי שֶׁאֵינוֹ מְדַבֵּר אֶחָד בַּפֶּה וְאֶחָד בַּלֵּב, אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִטְבִיעַת מַיִם״, ווער עס פירט זיך מיט אמת, ער זאגט וואס ער האלט און ער פאפט נישט קיינעם, דער מענטש האט נישט מורא פון ווערן דערטראנקען אין וואסער; עס איז גוט דו זאלסט נעמען דעם ׳ספר המידות׳ וואו דו וועסט זען אין ״אות פחד״ פיל עצות און סגולות וויאזוי מען קען לעבן א רואיגע לעבן אן קיין פחדים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט לעבן רואיג און צופרידן.

...

~~~~~~~~~~

**״שבת הכרת הטוב״ מיט די בחורים; שלאגן די קינדער איז נישט חינוך; זיך אינטערעסירן כסדר ביים מלמד פון די קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויצא, ד׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דעם שבת בין איך נישט געווען דאהי, איך בין אוועק געפארן מיט דרייסיג בחורים צו זיין מיט זיי אויף שבת אלץ הכרת הטוב אויף דעם וואס זיי גייען נאך געלט און העלפן מיר ארויס צו גיין פון די חובות.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האט אנגעהויבן ווייטער צו בויען דעם בנין אין אומאן; מיטן אייבערשטנס הילף וועט מען ענדיגן דעם בנין אז מיר זאלן קענען זיין דארט אויף דעם קומענדיגן ראש השנה.

איך בעט דיר זייער: שלאג נישט דיינע קינדער! דער רבי איז געווען זייער אנטקעגן שלאגן קינדער; די אלע וואס שלאגן די קינדער איז דאס נישט מצד חינוך נאר מצד נערוון. מען געבט זיך אויס די נערוון אויפן חשבון פונעם קינד; אלץ רעזולטאט ווערט נישט דער קינד מחונך, נאר ער ווערט ברוגז אויפן טאטע׳ן און אויפן באשעפער, ביז ער לאזט רחמנא לצלן איבער דאס אידישקייט.

איך וויל דיר מעורר זיין אז דו זאלסט זיין בקשר מיטן מלמד פון דיין זון, זאלסט זיך כסדר נאכפרעגן ביים אים צי אלעס איז בסדר מיט דיין קינד; ווען דער מלמד זעט ווי דער טאטע פרעגט זיך נאך אויפן קינד וועט ער מער אינוועסטירן אינעם קינד.

איך וועל דיר נאך שרייבן, איך בין פשוט זייער פארנומען.

...

~~~~~~~~~~

**דרוק אשר בנחל וועסטו געהאלפן ווערן, חיזוק פאר מלומדות.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויצא, ד׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דו האסט מיר געבעטן איך זאל שרייבן א בריוו פאר דיר און דיין ווייב ענק מחזק זיין אויף וואס איר גייט יעצט אריבער; איר זענט פארלוירן און מיואש פון דעם וואס מען האט געפונען ביי איר א חשש פון א געוויקס, דאס האט אייך אריין געווארפן אין א פחד בפרט יעצט ווען איינער פון די משפחה איז אוועק פון אזא מחלה.

איך בעט דיר זייער טייערער ... נרו יאיר, שטארק דיין ווייב תחי׳ זי זאל גלייבן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס נאר אלעס קומט פונעם אייבערשטן; מיר זענען אין זיינע הענט, ער איז דער רופא נאמן און ער וועט אויסהיילן דיין ווייב מיט א גאנצע רפואה.

בנוגע אז זי דארף אויפהערן נעמען וכו׳ וואס ברענגט אז יעצט ווערט פארדרייט אירע צייטן וכו׳ און איר האלט עס נישט אויס; עס איז כדאי צו נעמען א זכות אין דרוקן
~~~~~~~~~~

דעם ספר 'אשר בנחל', וואס מוהרא"ש האט מבטיח געווען אין זיין צוואה בזה הלשון: "אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן "אַשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן".

בנוגע אז זייט דו ביסט געווארן א מלמד קומסט נישט אן צו לערנען דיינע שיעורים אזוי ווי אמאל; איך זאג שטענדיג פאר מיינע תלמידים וואס זענען מלמדים ווען זיי קומען צו מיר מיט די טענה אז זיי קומען נישט אן צו לערנען: "לערנען מיט קינדער איז מער ווי לערנען פאר זיך", ווייל ווען מען לערנט מיט קינדער איז דאס תורה לשמה, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סוכה מט:): אויפן פסוק (משלי לא, כו): "פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְ'תוֹרַת חֶסֶד' עַל לְשׁוֹנָהּ", וואס איז תורת חסד און וואס איז נישט קיין תורת חסד? נאר: "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד, שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ שֶׁל חֶסֶד", אזוי אויך: "תּוֹרָה לְלַמְּדָהּ זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁל חֶסֶד, שֶׁלֹּא לְלַמְּדָהּ זוֹ הִיא תּוֹרָה שֶׁאֵינָהּ שֶׁל חֶסֶד", ווען מען לערנט תורה מיט א צווייטן - בפרט מיט ריינע קינדער תינוקת של בית רבן וואס זענען נאך לויטער און ריין - דאס איז תורה לשמה, און עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון אזא תורה.

דאס אז דו האסט נישט קיין מנוחה און דו ווילסט ענדיגן ש"ס הונדערט און איין מאל - זייער גוט און זייער חשוב, מיט דיין רצון וועסטו עס נאך קענען ענדיגן בעזר ה', אבער די תורה וואס דו לערנסט מיט די קליינע קינדער דאס איז לויטער און ריין, ביים אייבערשטן אויבן אין הימל איז דאס די חשוב'סטע זאך.

זיי דיר מסדר צו לערנען ח"י פרקים משניות און דעם דף גמרא בבלי אזוי אויך דעם יום תהילים און דיין גאנצע חיות זאל זיין פון דיין מלמדות.

איך בין זייער פארנומען היינט, מיר האבן זיך אריבער געצויגן אין א נייעם פלאץ מיט די סקול, איך האב קוים צייט וכו'; איך וועל דיר נאך שרייבן מער באריכות.

שרייב מיר לכל הפחות איין מאל א וואך א בריוו, איך וויל זען ווי ענקער מצב ווערט בעסער און בעסער.

...

~~~~~~~~~~~

**א מאן און ווייב וואס פירן זיך ווי ס'דארף צו זיין, רועט דער אייבערשטער ביי זיי.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן
~~~~~~~~~~~

**... תחי'.**

איך האב גערעדט מיט אייער מאן נרו יאיר; איך האב זייער הנאה געהאט צו הערן פון אים אז איר לעבט מיט ליבשאפט איינער צום צווייטן און אז איר לעבט מיטן אייבערשטן. עס איז ביי אייך ממש מקוים געווארן די ברכה וואס די הייליגע חכמים זאגן (סוטה יז.) "אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ - שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", א מאן און ווייב וואס פירן זיך ווי עס דארף צו זיין זענען זוכה אז דער אייבערשטער רועט ביי זיי. דעם אייבערשטנס נאמען איז דאך שלום (שבת י.); אז מען איז בשלום איז דא השראת השכינה.

אייער מאן נרו יאיר האט מיר געבעטן איך זאל אייך שרייבן וואס איז די ריכטיגע זאך פאר אייך צו טון וועגן האבן נאך קינדער; איר דארפט זיך זייער פרייען מיט די מתנות וואס דער אייבערשטער האט אייך געגעבן - ליכטיגע געזונטע קינדער, איר זאלט נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים. און ווי מער מען דאנקט דעם אייבערשטן אויף זיינע חסדים אלץ מער מאכט מען כלים צו באקומען פרישע חסדים פונעם אייבערשטן.

ווארטס נאך א האלבע יאר וכו' נאכדעם וועלן מיר זען צי עס איז שוין די פאסיגע צייט צו האבן נאך קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי לאנג מיינסטו קען מען לעבן א פאלשע לעבן?**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

ווי לאנג מיינסטו קען מען לעבן א פאלשע לעבן (דאבל לייפ)?! מענטשן קען מען אפשר אפנארן אבער נישט די אייגענע ווייב; פריער אדער שפעטער וועט זי זיך דערוויסן ווער דו ביסט און דיר אפלאזן, טו תשובה און לאז אפ ...!

געדענק אז איך האב דיר מודיע געווען פון פאראויס ווי אזוי עס גייט זיך ענדיגן, זאלסט נישט קומען צו מיר מיט קיין טענות.

לאז אפ ... און הייב אן לעבן א ריינע לעבן; בלייב אין שטוב ביינאכט וועט דיר גוט זיין.

איך וואונטש דיר דו זאלסט תשובה טון בקרוב.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**יעדעס ווארט וואס מען רעדט צום אייבערשטן איז מורא׳דיג חשוב!**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויצא, ה׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו אז מיר וויסן פון הייליגן רבי׳ן וואס איז אונז מעודד, משמח און מחזק אז מיר זאלן נישט קוקן אויף דעם וואס דער יצר הרעווארפט אונז אראפ וכו׳ און מיר זאלן נישט אויפגעבן חס ושלום, נאר שטענדיג אנהייבן פונדאסניי.

דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה ׳התבודדות׳, אז מיר זאלן זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן; פאלג דעם רבי׳ן, נעם אפאר מינוט יעדן טאג און רעד זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן. אפילו דו קענסט נישט רעדן, דו האסט נישט קיין דיבורים, עס קומט נישט ארויס קיין ווערטער פון דיין מויל, זאלסטו בלויז זאגן: ׳טאטע׳; זאג איבער נאכאמאל און נאכאמאל: ׳טאטע׳, ׳טאטע׳, טאטע׳; דאס איז זייער חשוב אין הימל.

אמאל איז א איד געקומען צו רבי נתן און אים דערציילט אז ער האט א חבר וואס קען טויזנט בלאט גמרא בעל פה, האט רבי נתן זיך אויפגעטון און אים געזאגט: ״מיין תלמיד עוזר קען זאגן טויזנט מאל ׳רבונו של עולם׳״.

אז דו מוטשעסט זיך מיט פרנסה זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן; פרנסה געבט דער אייבערשטער, פרנסה האט מען אז מען קומט אין שול דריי מאל א טאג דאווענען מיט מנין.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו נעמסט נישט אריין אין שטוב קיין שום כלי וואס מען קען זען אויף דעם מאוויס און ווידיאס וכו׳; אין דעם זכות וועסטו האבן ערליכע קינדער זרע ברך השם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זאג משניות און רעד זיך אויס נאר צום אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויצא, ה׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר, תלמיד ישיבת תפארת התורה.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו געשריבן אויף גראמען.

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו האסט הנאה אין ישיבה, דיין לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן און דו לעבסט מיט אמונה און מיט שמחה.

זע צו לערנען משניות יעדן טאג; משניות האט א כח צו משנה זיין דעם מענטש מן הקצה אל הקצה. מִשְׁנָה איז די זעלבע אותיות ווי מְשַׁנֶּה; עס ציט ארויס דעם מענטש פון זיין בלאטע און דרייט אים אינגאנצן איבער לטובה.

די וועלט מיינט אז משניות איז נאר געמאכט ארויס צו שלעפן א נשמה פון גיהנום און איז נישט א לימוד פאר א לעבעדיגע מענטש, אבער עס איז נישט אזוי, נאר משניות שלעפט ארויס די נשמה פון גיהנום נאך אויף די וועלט; ווער עס לערנט משניות ווערט אויסגעלאטערט פון אלעם שלעכטס נאך ווען ער לעבט.

אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו ווייטער לערנען; זאג די ווערטער אן פארשטיין וועסטו נאכדעם זוכה זיין צו פארשטיין די הייליגע תורה.

אנטלויף פון מענטשן ווייל זיי זענען מסוכן; רעד נישט פון דיינע פריוואטע זאכן מיט קיינעם אויף דער וועלט, דו וועסט נאכדעם ווערן צו נַאר פאר אלעמען. פארצייל דיינע ווייטאגן ׳נאר׳ פארן אייבערשטן; איך וויל דיר אראפלייגן זאלסט וויסן וואס פאסירט ווען מען רעדט זיך אויס צו א מענטש, דער מענטש הערט אויס דיינע אלע אינפארמעישן, נאכדעם גייט ער און דערציילט דאס ׳נאר׳ פאר איין חבר, און דער אנדערער דערציילט עס אויך פאר ׳נאר׳ איין חבר, ביז דו וועסט בלייבן צו נַאר פאר די גאנצע שטאט וד״ל.

שרייב מיר נאך בריוו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**א מענטש איז נישט א מאשין.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת ויצא, ה׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זיי זיך נישט מבלבל פון דעם אז דו קענסט זיך נישט מסדר זיין צו לערנען יעדן טאג די זעלבע מאס. איין טאג לערנסטו אפאר פרקים משניות, דעם אנדערן טאג נאר איין פרק וכו׳; זיי דיך נישט מבלבל דערפון, דו זאלסט ווייטער לערנען אויף דיין וועג.

וויסן זאלסטו אז א מענטש איז נישט א מאשין וואס מען שטעלט אן און עס פונקציאנירט יעדן טאג אויפן זעלבן שטייגער; יעדער מענטש איז אנדערש. איינער האט מער צייט דער אנדערער איז מער פארנומען, דער עיקר דארף מען ארויס כאפן צייט צו לערנען.

טייערער ... נרו יאיר, נוץ אויס דיינע יונגע יארן. יעצט איז די שענסטע יארן וואס מען קען אויסנוצן צו לערנען און דאווענען; אמת טאקע עס איז זייער שווער פאר א בחור ווי לאנג מען איז אליינס און מען האט נאך נישט חתונה געהאט, אבער פון די אנדערע זייט האסטו נאך נישט דעם עול הפרנסה, דו קענסט זיצן און לערנען אן קיין שום שטער.

שטארק דיר בלימוד התורה; תורה האט א כח ארויס צו שלעפן דעם מענטש פון אלע טומאות. אפילו ווען מען פאלט אראפ אין עבירות איז דער כח פון תורה שטערקער און עס וואשט אפ דעם מענטש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי וואלטן מיר אויסגעזען אן די עצה פון התבודדות?!**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויצא, ו׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען זוכה צו וויסן פון רבי׳ן; שטעל זיך אפ פאר א מינוט און טראכט: ׳ווען איך בין ווען נישט מקורב צום רבי׳ן און איך וואלט נישט געוויסט פון די זיסע עצה פון ׳התבודדות׳ ווי אזוי וואלט איך געקענט אנגיין אין לעבן?׳

מוהרא״ש האט דערציילט, אז פאר פופציג יאר צוריק גייענדיג אמאל ״הפצה״ אין וויליאמסבורג איז ער אריין אינעם סיגוט׳ער שול וואו ער האט מפיץ געווען דעם ספר ״השתפכות הנפש״, איינער פון די אידן פאר וועם ער האט דאס מפיץ געווען איז געווען זייער אן אלטער איד, נאכן אריינקוקן אינעם ספר האט ער אנגעהויבן וויינען, ער קומט צו צו מוהרא״ש און זאגט אים: ״אוי אוי אוי״ - אזוי האט ער געקרעכצט - ״ווען איך
~~~~~~~~~~

וואלט ווען געוויסט פון די עצה אז מען קען רעדן צום אייבערשטן וואלט מיין לעבן געווען גרינגער"; דער איד איז אריבער דעם דייטשן גיהנום - די צווייטע וועלט מלחמה - וואו ער האט פארלוירן זיין גאנצע משפחה, ער איז געווען אין לאגער וואו ער איז געפייניגט געווארן דורך די רוצחים וכו' וכו', און ווען ער וואלט געוויסט פון די עצה פון רעדן צום אייבערשטן וואלט זיין לעבן געווען אסאך גרינגער - האט ער געוויינט.

יעצט אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן אז מיר ווייסן פון די ליכטיגע עצה דארפן מיר העלפן אנדערע אידן אז זיי זאלן אויך וויסן דערפון. איך וויל דיר שטארקן דו זאלסט ווייטער עוסק זיין אין הפצה; דער הייליגער בעל התניא האט נאכגעזאגט פון זיין רבי'ן דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו וואס האט געהערט פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו: "א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט און לעבט דא אפ זיבעציג אכציג יאר - נאר כדי א טובה טון פאר א צווייטן איד"; הער ווערטער וואס הייסט א טובה טון פאר א צווייטן איד: "עס לוינט זיך צו לעבן זיבעציג יאר אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן"; וואס הייסט א טובה טון א איד? נאר אז מען איז יענעם מזכה מיט תורה, תפילה, מצוות ומעשים טובים.

איך דארף מקצר זיין ווייל איך בין זייער פארנומען, איך וועל דיר נאך שרייבן מער באריכות.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~

**תפילה איז משנה די טבע.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויצא, ו' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן די גוטע בשורה.

מען זעט ממש בחוש וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תפילה איז משנה די טבע; אלע דאקטורים זאגן איין זאך און נאכדעם זעען זיי אז זיי ווייסן גארנישט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן א'): "כִּי כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת הַתְּפִילָּה, אָז נוֹפְלִים כָּל הָרְפוּאוֹת, כִּי נִתְרַפְּאִין עַל יְדֵי דְּבַר ה'", ווען מען דאווענט צום אייבערשטן פאלן אוועק אלע רפואות ווייל מען ווערט אויסגעהיילט פונעם אייבערשטן אליינס, "וַאֲזַי כָּל הַדָּאקְטוֹרִים מִתְבַּיְּשִׁין בִּרְפוּאוֹת שֶׁלָּהֶם", דעמאלט שעמען זיך אלע דאקטורים
~~~~~~~~~~

מיט זייערע רפואות. "כִּי אֲנִי אֵין כֹּחַ לָשׂוּם רְפוּאָה כִּי כָל הָעֲשָׂבִים חוֹזְרִים כֹּחָם לְתוֹךְ הַתְּפִילָּה", ווייל אלע כוחות וואס ליגט אין די מעדעצינען גייט אריין אין די ווערטער פון תפילה און מען ווערט אויסגעהיילט דערמיט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**האבן א פאזיטיווער בליק אויפן לעבן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת ויצא, ז׳ כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אלעס ווענדט זיך אין דיר אליינס ווי אזוי דו נעמסט אן דיין לעבן!

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט אמאל געוויזן פאר זיינע תלמידים ווי ווייט אלעס ווענדט זיך אינעם מענטש; ער איז צוגעגאנגען צו יענקל וואסער טרעגער און אים געפרעגט: "וואס מאכסטו יענקל?" געבט ער א קרעכץ און זאגט: "וואס קען איך שוין מאכן? ביי די אכציג יאר דארף איך שלעפן שווערע אמערס וואסער, איך שלעפ דאס ארויף אפאר שטאק, ממש די רוקן ברעכט זיך מיר, די פיס האלטן מיר כמעט נישט, פארוואס דארף איך אזוי שווער ארבעטן?!" דער הייליגער בעל שם טוב הערט אים אויס און גייט ווייטער מיט די תלמידים. א וואך שפעטער גייט דער בעל שם טוב זי"ע נאכאמאל מיט די תלמידים און זאגט זיי קומט וועל איך אייך ווייזן אז אלעס האט מיטן מענטש אליינס ווי אזוי ער נעמט אויף זיין לעבן, דער בעל שם טוב זי"ע גייט ווידער צו צום וואסער טרעגער יענקל און פרעגט אים: "יענקל וואס הערט מען עפעס? וואס מאכסטו?" זאגט ער: "רבי, ווי קען איך קרעכצן? מיין לעבן איז מיר אזוי שיין, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אזא גרינגע פרנסה, איך דארף גארנישט אינוועסטירן, איך שעפ אן וואסערביים ברונעם אומזיסט און טראג דאס צו מענטשן און זיי צאלן מיר, אה - געבט ער א זאג - איך דאנק גאט פאר מיין זיסע לעבן", דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע הערט אים אויס און גייט ווייטער מיט די תלמידים און זאגט זיי: "געבט א קוק, דאס איז דער זעלבער יענקל; אכציג יאר שלעפט ער די זעלבע שווערע עמערס וואסער, די זעלבע שטאקן דארף ער ארויפקריכן, אבער עס ווענדט זיך ווי אזוי ער נעמט דאס אן. איין טאג איז ער ברוגז אויפן אייבערשטן, דעם אנדערן טאג זוכט ער דאס גוטס און קוקט אויף דאס גוטס וואס דער אייבערשטער געבט אים און איז מלא שמחה".
~~~~~~~~~~

אלעס ווענדט זיך אינעם מענטש ווי אזוי דער מענטש קוקט אויף זיין לעבן; מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג זאגן אויף דאס וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כב; סימן קצא) אז דער גן עדן און גיהנום איז דא בזה העולם, פלעגט מוהרא"ש דאס מסביר זיין, אז עס קענען זיצן צוויי מענטשן איינער נעבן דעם אנדערן, איינער וויל נאר אז די וועלט זאל חרוב ווערן, ער זעט נאר דאס שלעכטס, און דער אנדערער זיצט אין גן עדן התחתון, ער זעט נאר דאס גוטס פונעם אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער זאלסט לערנען יעדן טאג אביסל גמרא; כאפ זיך מיט מיטן שיעור וואס מיר לערנען אין ש"ס, לערן יעדן טאג א בלאט גמרא. היינט האלטן מיר מנחות דף צז. דאס וועט דיר ליכטיג מאכן דיין לעבן.

הער א פשט פון מוהרא"ש אויף דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין כד.) אויפן פסוק (איכה ג, ו): "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם", אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל, דאס גייט ארויף אויף תלמוד בבלי; לכאורה, ווי אזוי קען מען זאגן אויף די הייליגע גמרא אז דאס איז א טונקעלע זאך, א טויטע זאך? נאר דאס קומט צו ווייזן פאר א מענטש וואס זאגט 'עס איז מיר פינסטער', 'עס איז מיר טינקל', 'איך שפיר זיך ווי א טויטער מענטש', 'עס גייט אריבער אויף מיר שווערע ביטערע נסיונות, עס איז ממש ביי מיר מקיום געווארן דעם פסוק "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם"', זאגט מען אים: "אָמַר רַבִּי יִרְמְיָה, זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל", נעם א גמרא תלמוד בבלי, און הייב אן לערנען, וועט דיר ליכטיג ווערן, און דו וועסט ווערן צוריק לעבעדיג.

זיי זיך מחזק און הייב אן פון פריש צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא. אפילו דו ביסט פאריאגט און פארפלאגט דאך זאלסטו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג; אז דו פארשטייסט נישט די גמרא זאלסטו נישט ווערן צעבראכן, נאר זיי ממשיך און זאג די ווערטער פון די גמרא. דער רבי האט אונז געגעבן א "סדר דרך הלימוד" (שיחות הר"ן, סימן עו), אז מען זאל לערנען תורה אפילו מען פארשטייט נישט גלייך וואס מען לערנט, נאר מען זאל לערנען כסדרן, און ווען מען ענדיגט זאל מען נאכאמאל אנהייבן, און נאך אפאר מאל זאגן וועט מען זוכה זיין צו פארשטיין וואס מען לערנט. דער סדר דרך הלימוד איז א דבר השוה לכל נפש, פאר א גוטע קאפ און פאר א שוואכע קאפ, פאר יונג און אלט וכו', יעדער איינער קען לערנען די הייליגע תורה מיט דעם סדר דרך הלימוד.

היינט וועט זיין אם ירצה ה' א שיעור, איך האף דיר צו זען; עס איז זייער וויכטיג זיך אויפצופרישן נאכאמאל מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי שיין איז אז דו מאכסט א פשוט'ע בר מצוה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מזל טוב פאר דיין זונ'ס בר מצוה! דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו און דיין ווייב זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער - געזונטערהייט.

אשריך אז דו מאכסט א פשוט'ע שמחה און דו גייסט נישט נאך די שטראם פון די גאס וואס גיסן אוועק אידיש געלט אין מיסט מיטן כלומר'ישן אויסרייד אז פאר א שמחה מעג מען אויסגיסן געלט; איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו מאכסט א פשוט'ע בר מצוה אין שטוב פאר די חברים פון דעם בר מצוה בחור. ממך ילמדו, זאל מען זיך לערנען פון דיר נישט אויסצוגעבן געלט פאר נארישקייטן.

איך וויל רעדן מיט דיין זון דער בר מצוה בחור אים מחזק זיין און אים וואונטשן מזל טוב פאר די בר מצוה און פאר זיין סיום ששה סדרי משנה וואס ער גייט מסיים זיין ביום הבר מצוה.

איך וועל זיך זייער פרייען צו זען די גליון וואס איר טייטשט איבער אויף לשון הקודש, איך ווארט איר זאלט מיר דאס שיקן; איך וויל זען צו דער וואס טייטשט דאס איבער גייט נישט אוועק פונעם מכוון וד"ל.

לכבוד דעם וואס דו שרייבסט מיר אז דו מאכסט א פשוט'ע שמחה וכו' וועל איך אם ירצה ה' קומען צו דיר בלי נדר; איך האף צו זיין דעם ווינטער אין ארץ ישראל, איך וועל אם ירצה ה' געבן א שיעור פאר דיר און פאר אלע תלמידי היכל הקודש אין בית שמש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ענדיגט משניות צו די בר מצוה, מאכט א פשוטע שמחה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד הבחור הבר מצוה ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן א בריוו פון דיין טאטע נרו יאיר וואו ער שרייבט מיר אז דו גייסט מסיים זיין 'ששה סדרי משנה' אין די טאג פון דיין בר מצוה.

דערפאר וויל איך דיר מחזק זיין און שטארקן: אשריך! וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו גייסט אריין לעול המצוות מיט תורה און דו נוצט אויס דיינע יונגע יארן ווי עס דארף צו זיין.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", די שענסטע זמן פונעם מענטש זענען זיינע יונגע יארן, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תשובה, סימן עג): "הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יעדן טאג עבודת השם אין די יונגע יארן איז חשוב'ער פון עטליכע יארן עבודת השם אויף דער עלטער.

זאלסט זיך שטארקן און לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות; עס איז נישט קיין שווערע זאך צו טון - בפרט פאר א יונגע בחור, אויב מען היט די צייט קען מען דאס באווייזן. אז עס איז שווער צו טון ברציפות קען מען דאס אנטיילן אין דריי חלקים; צופרי - זעקס פרקים, נאכמיטאג - זעקס פרקים און ביינאכט - זעקס פרקים, צוזאמען איז דאס אכצן פרקים.

אויך זאלסטו דאווענען שחרית מנחה מעריב דיקא אין א סידור און שטיין אויף איין פלאץ.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו האסט שכל צו מאכן א פשוט'ע אידישע שמחה מיט א אידיש'ן טעם, נישט ווי די עשירים וואס מאכן משוגע אלעמען צו מאכן טייערע שמחות. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב, סימן סד) אז אלע עשירים זענען רובם ככולם משוגעים; דאס זעט מען ממש בחוש ווען זיי מאכן שמחות ווי פאר אביסל כבוד המדומה מאכן זיי זיך צו נאר פאר אלעמען, וואויל איז דיר אז דו געבסט אכטונג אויף דיין טאטע'נס געלט.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~~

**מ'קען נישט צווינגען צו גיין צום דאקטער, מ'קען נאר מתפלל זיין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

זאג פאר דיין ווייב תחי' אז די איינציגסטע זאך וואס זי קען טון פאר איר מאמע תחי' אז זי זאל האבן א רפואה שלימה איז 'דאווענען צום אייבערשטן'. זי זאל זיך נישט אריינמישן ווייל זי וועט נאר האבן שברי לב דערפון; אז זי וויל נישט גיין אין שפיטאל, זי לאזט זיך נישט פון אלע געשוויסטער, פארוואס זאל זי זיך אויפעסן אומזיסט?!

איך שיק דיר פאר איר א בריוו איר צו בארואיגן.

**מרת ... תחי'.**

אייער מאן האט מיר דערציילט אז אייער מאמע שפירט זיך נישט גוט השם ירחם, אלע געשוויסטער האבן פראבירט איר צו נעמען אין שפיטאל אבער זי לאזט זיך נישט וכו', און אירווילט וויסן וואס צו טון.

וויסן זאלט איר אז מען קען נאר העלפן יענעם ווען יענער וויל זיך לאזן העלפן, אז יענער וויל זיך נישט העלפן קען מען גארנישט טון, דערפאר זאלט איר נישט האבן קיין שולד געפילן אז אלעס איז תלוי אין אייך ווען באמת קענט איר גארנישט טון. אז מען פרעגט אייך אן עצה זאלט איר געבן אייערע עצות, אבער אז זיי אליינס זענען מחליט וואס צו טון זאלט איר זיך נישט ארום דרייען מיט א שולד געפיל (גילטי קאנטשעס) אז איר מאכט קראנק אייער מאמע חס ושלום.

איר זאלט זאגן תהילים אז זי זאל האבן א רפואה שלימה, אויך זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן צוזאמען מיט אייערע קינדער; יעדע נאכט פאר מען גייט שלאפן זאל מען בעטן צוזאמען: **"הייליגער באשעפער, העלף אונזער באבי זאל זיין געזונט"**, דאס וועט פועל'ן א רפואה פאר אייער מאמע און פאר אלע אידן.

מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס תפילה איז; רבי נתן האט דערציילט (חיי מוהר"ן, סימן תלט) אז ווען דער רבי איז שוין געווען זייער נישט געזונט דעם לעצטן ראש השנה פון רבינ'ס לעבן שנת תקע"א איז געווען ביים רבי'ן אן אייניקל - ישראל'יק, א זון פון שרה דעם רבינ'ס טאכטער - דער אייניקל איז אריין צום רבי'ן אין שטוב און דער רבי האט אים געבעטן: **"דאוון פאר מיר אז איך זאל זיין געזונט"**, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן: "וואס וועל איך באקומען פאר דעם?" האט דער רבי געשמייכלט און געזאגט פאר די תלמידים: "ער פירט זיך שוין ווי א גוטער איד", (אזוי פלעגט מען דעמאלט רופן א רבי - 'א גוטער איד'), האט אים דער רבי געגעבן זיין גאלדענעם זייגער; ישראל'יק האט גענומען דעם זייגער און געזאגט הויך אויפן קול: **"גאט גאט! לאז מיין זיידע זיין געזונט"**, און אלע האבן זיך צולאכט, האט זיך דער רבי אנגערופן צו זיי און געזאגט: **"וואס לאכט איר, וואס דען איז תפילה?!"**; זיי האבן געלאכט מיינענדיג צו זאגן ווי איינער פרעגט: 'דאס מיינט תפילה? אויף דעם האסטו באקומען א זייגער?!'

האט דער רבי זיי געזאגט: "וואס דען איז תפילה?!" דאס איז תפילה! פשוט'ע ווערטער פארן אייבערשטן, אן קיין שום צוגעלייגטע זאכן וכו'.

דאס זאלט איר טון מיט אייערע קינדער, איר זאל זאגן צוזאמען: "**הייליגער באשעפער! העלף אונזער באבי זאל זיין געזונט**"; די גרעסטע כיבוד אב ואם איז אז איר וועט אויפציען אייערע קינדער און זיין פאר זיי א געטרייע מאמע.

דער אייבערשטער זאל העלפן אייער מאמע זאל האבן א רפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל.

...

~~~~~~~~~~

**זיך צוגרייטן צום שבת פרי; אהערשטעלן שיינע שבת סעודות.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויצא, ח' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מען דארף זייער אכטונג געבן יעצט ווינטער ווען דער זמן איז שוין זייער פרי, ממש מען געבעט זיך איין דריי און עס איז שוין שבת - צו מאכן אלע הכנות פארן שבת פרי. זע אנצוגרייטן דעם שבת טיש מיט די ליכט ווי פריער; מוהרא"ש פלעגט זאגן אז מען זאל אנגרייטן דעם שבת טיש, לייגן די ווייסע טישטוך און אנגרייטן די ליכט וכו' וכו' ווי פריער. מיר געפונען ווי די הייליגע תנאים האבן אליינס געטון אלע הכנות פארן שבת (עיין שבת קיט.) איז דאך אודאי אונז פשוט'ע מענטשן דארפן העלפן די ווייב און טון אלעס אויפצונעמען דעם שבת בשמחה וטוב לבב.

לייג אוועק אלע וואכעדיגע זאכן און זיי מקבל שבת ווי עס פאסט; מוהרא"ש האט נאכגעזאגט פונעם הייליגן תולדות יעקב יוסף זכותו יגן עלינו, וואס האט נאכגעזאגט פון זיין רבי דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, אויף דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות כג:): "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ", אויב איינער שטארבט ערב שבת איז דאס א גוטע סימן; זאגט ער אז אויב א מענטש איז ביי זיך ווי א טויטע מענטש, ער נעמט אוועק פון זיך אלע זיינע זאכן וואס ער דארף מסדר זיין און לייגט אלעס אוועק כדי צו מקבל שבת זיין - איז דאס א גוטע סימן.

זע צו זינגען זמירות ביי די סעודות, דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קד): "זינגען זמירות איז דער עיקר פון אידישקייט"; בעפאר דו מאכסט קידוש זינג שלום עליכם. ווי לאנג נעמט עס דען? בלויז געציילטע מינוט; די מלאכיםווארטן צו זען וואס
~~~~~~~~~~

טוט זיך דא אין דיין שטוב, ווייז זיי וואס מיינט אן ערליכער איד, ווייז זיי אז אפילו דו ביסט הונגעריג און מיד זינגסטו שיינע זמירות.

ביי די סעודה זאלסטו שמועסן מיט דיין ווייב; פארצייל איר שיינע זאכן וואס דו האסט געהערט און א שיינע ווארט אויף די פרשה. נאך די פיש זינג 'אזמר בשבחין'; קוק וואס רבי נתן שרייבט וואס ער האט געזען ביים רבי'ן, ווי דער רבי האט געזינגען זמירות (חיי מוהר"ן, סימן תקכ): "וּמִי שֶׁלֹּא שָׁמַע אוֹתוֹ בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה מְזַמֵּר בְּלֵיל שַׁבָּת אֶת הַפִּזְמוֹן 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין', וְכֵן בְּשַׁבָּת בַּבֹּקֶר אֶת הַפִּזְמוֹן 'אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא', וְכֵן שְׁאָר הַזְּמִירוֹת שֶׁל לֵיל שַׁבָּת כְּגוֹן 'כָּל מְקַדֵּשׁ' 'וּמְנוּחָה וְשִׂמְחָה' וְכוּ', לֹא שָׁמַע טוֹב מֵעוֹלָם, אַשְׁרֵי אוֹזֶן שָׁמְעָה זֹאת, וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּשְׁמַע זֹאת לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא", ווער עס האט נישט זוכה געווען צו הערן ווי דער רבי זינגט פרייטאג צו נאכטס 'אזמר בשבחין', און שבת אינדערפרי 'אסדר לסעודתא', און אזוי ווייטער די אנדערע זמירות פון פרייטאג צו נאכטס, 'כל מקדש' און 'מנוחה ושמחה' וכו', ווייסט נישט וואס מיינט גוטס, וואויל איז דעם וואס האט דאס געהערט און וואויל איז דעם וואס וועט זוכה זיין דאס צו הערן אויף יענע וועלט; ווער וועט זוכה זיין דאס צו הערן אויף יענע וועלט? דער וואס פאלגט דעם רבי'ן בתמימות ובפשיטות און ער זינגט זמירות.

איך האב אזוי פיל נחת פון דיר טייערער..., איך טראכט יעדן טאג צו מיר: 'זאל איך ווייטער ממשיך זיין?' 'זאל איך ווייטער אנגיין מיט די ישיבה?' עס איז נישט גרינג צו ארבעטן מיט בחורים און אינגעלייט; יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך, יעדער טראכט אנדערש, יעדער האט זיינע נסיונות און יעדער האט זיינע שוועריקייטן וואס מען דארף אים אויסהערן, אבער ווען איך קוק דיר אן ווי שיין דו פירסט דיין לעבן - דאס געבט מיר כח. איך זאג דיר עס אן קיין חנופה: "דו געבסט מיר כח ווייטער ממשיך צו זיין!" ווען איך זע ווי דו דערהאלטסט זיך מיט אלע דיינע כחות געבט דאס מיר כח איך זאל ווייטער קענען אויפשטעלן תלמידים ותלמידות.

גיי ווייטער אן טייערער... מיט דיין שיינע איידעלע וועג ווי אזוי דו פירסט זיך; איך שטאלציר מיט דיר, דו ביסט ביי מיר באליבט ווי אן אייגן קינד.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב תחי', געב איר עס איבער נאך פאר שבת. ווייז עס נישט אויפן אימעיל, נאר פרינט עס ארויס זי זאל דאס קענען ליינען אין שטוב ווען זי צינדט אן די שבת ליכט.

א פרייליכן שבת!

...

~~~~~~~~~~~

**אויסנוצן ריכטיג די צייט ביי ליכט צינדן.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת ויצא, ח׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳**

איך האב געשריבן פאר אייער מאן א שיינע בריוו וואספארא נחת ער מאכט מיר מיט זיין התנהגות; איך וויל איר זאלט וויסן אז דאס וואס איך האב נאך כח אנצוגיין מיט תלמידים איז נאר אדאנק אייער מאן נרו יאיר.

עס איז שוין ביי מיר די עלפטע יאר וואס איך האלט די ישיבה, עס איז נישט גרינג צו נעמען רויע בחורים און זיי אויסקנעטן זיי זאלן זיין עבדי השם; אפילו טייג איז נישט גרינג צו אויסקנעטן און מאכן פון דעם חלות, פיל שווערער איז צו ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען בעלי בחירה, מ׳קען ארבעטן מיט א מענטש וואכן און חדשים און צו מאל יארן ביז עס מאכט זיך שוין עפעס. וואס געבט מיר כח אנצוגיין? נאר אזעלכע תלמידים ווי אייער מאן נרו יאיר. ווען איך זע זיין התנהגות, זיין איידלקייט און זיין יראת שמים געבט דאס מיר כח ווייטער אנצוגיין.

מרת ... תחי׳, ווען איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר אויסנוצן די הייליגע מינוטן צו בעטן דעם אייבערשטן אויף אייער אייגענע שפראך; בעטס פאר אייך, פאר אייער מאן, פאר אייערע קינדער און פאר אלע אידן. ביי די שבת ליכט איז א צייט וואס מען קען אויס׳פעול׳ן גרויסע ניסים.

רבי נתן האט געבעטן זיין ווייב און זיינע טעכטער אז ווען זיי צינדן אן די שבת ליכט זאלן זיי בעטן דעם אייבערשטן: **״רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד אן די ליכט, אזוי זאל אנגעצינדן ווערן דעם הייליגן רבינ׳ס ליכט אין אלע אידישע הערצער״**; אזוי אויך זאלט איר בעטן ביי די ליכט: **״רבונו של עולם, טאטע זיסער! געב מיר א שיינע שבת און א שיינע לעבן. א לעבן מיט שלום, א לעבן מיט ליבשאפט; איך זאל זיך אויסקומען מיט מיין מאן און איך זאל אים שעצן. רבונו של עולם הער אויס מיין געבעט, העלף מיר איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס וועלן דיר דינען מיט ליבשאפט. רבונו של עולם אזוי ווי איך צינד יעצט אן די שבת ליכט, מאך אונז ליכטיג אונזער לעבן און מאך ליכטיג פאר אלע אידישע קינדער; אלע זאלן וויסן פון דיר און אלע זאלן וויסן פון הייליגן רבי׳ן. צינד אן ...׳ס הארץ ער זאל דיר דינען מיט ליבשאפט, צינד אן די הערצער פון מיינע קינדער״.**
~~~~~~~~~~~

אז איר האט נישט קיין כח צו שטיין קענט איר זיך אראפ זעצן, אז איר קענט נישט האלטן די הענט אויפן פנים פאר לאנג, קענט איר פשוט זיצן ביי די ליכט און רעדן צום אייבערשטן. בעטס און שפארטס נישט קיין טרערן, ווייל יעדע טרער איז נאך א טראפ וואסער וואס וועט שפאלטן די הערצער פון אייערע קינדער.

אז אייער מאן ווארט אייך צו זאגן "גוט שבת", ער וויל גיין אין שול, זייטס מפסיק און גריסטס אים: "גוט שבת", און ווען ער גייט שוין אין שול זאלט איר ווייטער רעדן צום אייבערשטן ביי די ליכט.

עלטערן דארפן פארגיסן טייכן טרערן צום אייבערשטן אויף ערליכע קינדער; דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "יעדע נאכט בשעת איך האב געזאגט תיקון חצות האב איך אנגעפילט א כוס מיט טרערן און געבעטן פאר ערליכע קינדער"; פארלאזט אייך נישט אויף אייער מאנ'ס תפילות, איר אליינס זאלטס פארגיסן טרערן צום אייבערשטן אז אייערע קינדער זאלן זיין ערליך.

נאכדעם ווען אייער מאן נרו יאיר קומט אהיים פון שול זאלט איר אים אפווארטן מיט א שמייכל; האלטס נישט קיין אלטע חשבונות, הייבטס אן א נייע דף און טראגטס נישט קיין אלטע ווייטאגן. שבת דארף מען זיין פרייליך; בעטס אייך איבער מיט אים אפילו ווען ער איז דער וואס דארף ערשט איבער בעטן, אז איר וועט אים מוחל זיין וועט דער אייבערשטער אונז אלע מוחל זיין.

געדענקטס וואס דער רבי האט געזאגט: "יעדע זאך וואס מען פועל'ט מיט שלעכטן, וואלט מען גרינגער געקענט פועל'ן מיט גוטנ'ס"; אסאך מאל מיינט מען אז אויב מען וועט שרייען וכו' אויף די מאן און קינדער וועלן זיי פאלגן, מען דארף געדענקען וואס דער רבי זאגט, אז מיט גוטנ'ס וואלט מען אסאך גרינגער און שנעלער גע'פועל'ט.

איך וואונטש אייך א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## מיין ווייב איז זייער קעגן ברסלב, וואס קען איך טון?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די אלע חיזוק און שיעורים וואס געבן מיר א טעם אין לעבן יעדן טאג, איך האב אנגעהויבן לערנען יעדן טאג, רעדן צום אייבערשטן, און זיך פארשטיין מיט מיין ווייב, און אזוי ווייטער האט עס מיר געשטעלט אויף די פיס אין אלע הינזיכטן.

איך הער ב"ה די שיעורים אויפ'ן טעלעפאן, אבער איך וואלט זייער געוואלט אריבערקומען אין ישיבה מיטצוהאלטן די שיעורים געהעריג, איך האב געוואלט קומען דאווענען צו אייך אין שול, אבער מיין ווייב איז געפערליך קעגן ברסלב און קעגן דעם ראש ישיבה שליט"א, עס איז נישט צוליב נ-נח'ס און דאס גלייכן נאר ס'איז איר עפעס אריין א נארישקייט אין קאפ און זי וויל נישט הערן פון ברסלב און פונעם ראש ישיבה, וויפיל איך האב פרובירט צו רעדן מיט איר און איר מסביר זיין, וויל זי גארנישט פארשטיין און זי וויל נישט הערן.

שוין אפגערעדט פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה איז בכלל נישטא פון וואס צו רעדן, אבער ווען ס'קומט צו סיי וואס האט שייכות מיט ברסלב ווערט זי זייער נערוועז.

מיין הארץ טראפט בלוט, איך לעב ממש פון א פלאץ, און איך קען נישט אריינגיין דארט. אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה פאר מיר?

יישר כח, יענקל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ג' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד יענקל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען קען אלעס פועל'ן אין שטוב, מען דארף נאר האבן צו דעם אסאך סבלנות.

רעד נישט מיט דיין ווייב וועגן ברסלב, רעג איר נישט אויף; דיינע מעשים וועלן מאכן די ארבעט. דו פיר זיך אויף צו איר אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט און אזוי ווי מען לערנט אין 'היכל הקדוש' וועסטו זען אז אלעס וועט זיך טוישן לטובה.

יעצט וועסטו פארשטיין פארוואס דער רבי האט אזוי געוויינט ווען מען האט געזאגט אויפן רבי'ן אז דער רבי איז פון די ביטערע כת רחמנא לצלן; דער רבי האט געשריגן און געוויינט: "ווי קען מען אויסטראכטן אויף מיר אזעלכע שקרים וכו' וכו'?" רבי נתן האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי וויינט אזוי, 'וואס דארף אנגיין פארן רבי'ן וואס יענער רעדט אויפן רבי'ן? האט ער געזאגט, איז וואס?!' אבער שפעטער

ווען רבי נתן האט געהאט זיין מחלוקת האט ער געזאגט: "איך פארשטיי שוין פארוואס דער רבי האט געוויינט; עס איז נישט אגעגאנגען פארן רבי'ן אז יענער רעדט אויף אים, עס האט וויי געטון פארן רבי'ן אז מענטשן וועלן נישט קענען מקורב ווערן ווייל דער זקן זאגט אויף אים אזא לשון הרע".

בעוונותינו הרבים איז ברסלב זייער א פארשעמטע זאך; אפילו די וואס האלטן אז ברסלב איז גוט און איז מקרב מענטשן האלטן אז דאס איז גוט פארן שכן און פאר א צווייטן אבער נישט פאר זיך און זיכער נישט פאר די אייגענע קינדער. דאס קומט פון אלע לשון הרע'ס וואס מען רעדט אויף אונז.

מיט תפילה און סבלנות קען מען צו קומען צו אלעס גוטס.

...

~~~~~~~~~~~

## איך דארף הדרכה אויף מיין חתונה

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א חתן, דריי וואכן פאר מיין חתונה, און איך האב אסאך ספיקות ווי אזוי איך דארף זיך פירן אינדערהיים נאך די חתונה. פון איין זייט האב איך אסאך געהערט אז מ'דארף זיך האלטן מיט פרישות אינדערהיים, קדש עצמך במותר לך, אבער פון די אנדערע זייט פארשטיי איך פון די שיעורים און דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א אז א מענטש דארף זיך אליין גוט קענען, ער דארף וויסן וואו ער שטייט אויף דער וועלט, און לויט דעם זיך פירן אין שטוב.

איך וועל זיך זייער פרייען אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען מיר קלארשטעלן ווי אזוי מ'דארף זיך צו פירן.

א גרויסן יישר כח פאר אלע חיזוק און עצות.

הערשל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד הערשל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט שייך צו שרייבן פון דברים שהצניעות יפה להם; אז דו ווילסט וויסן ווי אזוי זיך צו פירן זאלסטו נעמען דעם שלחן ערוך פאר דיין וועג ווייזער. מוהרא"ש
~~~~~~~~~~~

פלעגט שטענדיג נאכזאגן פונעם חזון איש זכותו יגן עלינו אז ווען מען האט אים געפרעגט צי היינט איז דא די אורים ותומים, האט ער געענטפערט: "מיין אורים ותומים איז דער שולחן ערוך; ווען איך דארף וויסן ווי אזוי זיך צו פירן קוק איך אין שלחן ערוך".

"קַדֵּשׁ עַצְמְךָ" - זאגט מוהרא"ש - זאלסט זיך הייליגן און נישט טון קיין עבירות, ווי אזוי? "בַּמֻּתָּר לָךְ" - אז דו וועסט טון וואס דער תורה איז מתיר און זיך נישט פירן מיט קיין פרישות וועסטו זוכה זיין צו זיין הייליג און אפגעהיטן פון עבירות.

אנטלויף פון אלע מדריכים וואס לערנען הנהגות פון פרישות וכו'.

...

~~~~~~~~~~

**פארוואס געבט מיר דער אייבערשטער נישט קיין פרנסה?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א אינגערמאן, איך ארבעט עלף שעה א טאג פאר פרנסה, און איך הער אסאך אייערע דרשות בשעת מיין ארבעט, און איך לערן זיך אזויפיל עצות אין לעבן פון די שיעורים, און פארשטייט זיך אז דאס האט געטוישט מיין לעבן צום גוטן, און האט מיר ארויסגעהאלפן אין פילע הינזיכטן.

איך פרוביר צו רעדן אסאך צום אייבערשטן, אים בעטן אלעס וואס איך דארף, און איך זע טאקע גרויסע ישועות ווי דער אייבערשטער העלפט מיר אזויפיל מאל, אבער ביי איין זאך שפיר איך ווי דער אייבערשטער ענטפערט מיר נישט, דאס איז ביי פרנסה. איך בעט אזויפיל דעם אייבערשטן אויף פרנסה, איך וויין און איך וויין צום אייבערשטן אז איך זאל האבן פרנסה בשפע ובניקל, אבער איך זע נישט גארנישט עס זאל מיר עפעס בעסער ווערן. איך גלייב אז דאס איז זיכער פאר מיין טובה, דער אייבערשטער פארשטייט בעסער וואס ס'איז גוט פאר מיר, אבער ווי אזוי קען איך בעסער מאכן מיין מצב, נאכדעם וואס ס'איז שוין דורך אכט יאר און איך זע נישט קיין שום ישועה?

איך בעט זייער איר זאלט מיר ענטפערן און ארויסהעלפן, ווייל איך שפיר ממש אז איך האלט עס שוין מער נישט אויס.

א גרויסן יישר כח, אהרן

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

ווי קענסטו זאגן אז עס איז שוין אריבער אכט יאר און דו זעסט נישט קיין ישועה; ווער האט דיר געגעבן עסן די אכט יאר? ווער האט דיר געגעבן קליידער - פאר דיר, דיין ווייב און קינדער - די אכט יאר? נאר דער אייבערשטער!

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (נדה לא.): "לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִיסּוֹ", דער מענטש כאפט נישט וואספארא ניסים דער אייבערשטער מאכט מיט אים יעדן טאג; א מענטש טראכט: 'עס קומט אז איך זאל זיין געזונט וכו', מיר וועט גארנישט פאסירן קיין שלעכטס' און ער כאפט נישט אז יעדע רגע וואס ער לעבט איז מיט ניסים.

די הייליגע חכמים זאגן (שמות רבה כד, א): "בּוֹא וּרְאֵה כַּמָּה נִסִּים עוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עִם הָאָדָם וְהוּא אֵינוֹ יוֹדֵעַ", טראכט אריין וואספארא נסים דער אייבערשטער מאכט פאר אונז און מען כאפט דאס ניטאמאל, "שֶׁאִלּוּלֵי הָיָה אוֹכֵל פַּת כְּשֶׁהִיא חַיָּה הָיְתָה יוֹרֶדֶת בְּתוֹךְ מֵעָיו וּמְשָׁרֶטֶת אוֹתוֹ", ווען מען עסט ווען טריקענע ברויט וואלט דאס צעקראצט דעם מאגן און מען וואלט נישט געקענט לעבן, "אֶלָּא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בְּתוֹךְ גַּרְגַּרְתּוֹ שֶׁהוּא מוֹרִיד אֶת הַפַּת בְּשָׁלוֹם", וואס טוט דער אייבערשטער? ער האט באשאפן אינעם האלז אזוי ווי א קוואל מיט וואסער - די שפייעכץ - אז די עסן זאל נישט צעקראצן און דערווערגן דעם מענטש; קיינער טראכט נישט פון דעם אז דאס איז אויך א נס, אז די עסן קען אראפ גיין בשלום אינעם האלז וכו', מען טראכט נישט צו דאנקען דעם אייבערשטן אז ער האט באשאפן שפייעכץ, און דאס איז בלויז איינע פון די טויזענטער ניסים וואס דער אייבערשטער מאכט פאר אונז.

קוק אויף צוריק וועסטו זען ווי דיינע תפילות ווערן אנגענומען; אכט יאר וואס דו לעבסט א שיינע לעבן מיט א ווייב און קינדער, דו ברענגסט זיי עסן און קליידער, פון וואו האסטו דאס? אלעס קומט דאך נאר פונעם אייבערשטן!

מוהרא"ש זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם ווארט פון הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו וואס ער טייטש דעם פסוק (שמות לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אז א מענטש וויל זען דעם אייבערשטער ווי אזוי ער וועט אים העלפן - דאס קען מען נישט זען, אבער אז מען קוקט צוריק זעט מען ווי דער אייבערשטער האט געהאלפן. מיט דעם טייטש ער: "וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי" - קוק אויף צוריק, קוק וואספארא חסדים איך האב געטון מיט דיר, וועסטו מיר זען; אבער "וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ" - וואס וועט זיין? ווי אזוי וועל איך האבן די ישועה? דאס ווייסט מען נישט און מען קען דאס נישט זען פון פאראויס, נאר מען דארף גלייבן, ווארטן, האפן און בעטן.

דו בעסט אן עצה פאר פרנסה בריוח; נעם די עצה וואס מוהרא"ש האט שטענדיג גע'חזר'ט מיט אונז, מען זאל בענטשן ברכת המזון דוקא אין א בענטשער. מוהרא"ש

פלעגט זאגן אז דאס וואס ער האט זוכה געווען צו אזא גרויסע עשירות איז נאר בזכות וואס ער פלעגט קיינמאל נישט בענטשן פון אויסענווייניג, ער האט נאר געבענטשט אין א בענטשער.

...

~~~~~~~~~~

## פארוואס בין איך נאכנישט קיין חתן?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א בחור, 21 יאר אלט, און איך בין נאכנישט א חתן געווארן. איך האב נישט קיין שום פראבלעם וואס איך קען טראכטן אז דאס זאל שטערן מיין שידוך, און פון דעסט וועגן האב איך נאכנישט געטראפן מיין שידוך.

ס'מוז זיין אז ס'דא עפעס וואס שטערט דא, וואס קען איך טון דערצו? זאל איך איבערבעטן די גאנצע וועלט ווייל אפשר האב איך איינעם געטשעפעט? זאל איך גיין צו מקובלים פאר א תיקון? וואס נאך קען איך טון?

איך האב זיך פארגענומען נישט פוגם צו זיין בברית פאר 40 טעג, איך האלט שוין ביים פערטן טאג, אבער איך ציטער אז איך גיי דורכפאלן, וואס קען איך טון?

איך האף איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן און געבן אן עצה.

א גרויסן יישר כח, יוסף

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת ויצא, ד׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד יוסף נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן די צער וואס דו גייסט אריבער אז דו האסט נאך נישט געטראפן דיין שידוך, בשעת וואס אלע חברים פון דיין כיתה האבן שוין זוכה געווען חתונה צו האבן; דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט טרעפן דיין זיווג בקרוב.

דאס וואס דו פרעגסט צי דו זאלסט איבער בעטן די גאנצע וועלט וכו׳; אויב האסטו וויי געטון א צווייטן זאלסטו אים אודאי איבער בעטן. מאך זיך א חשבון הנפש, גיי אדורך דיינע יארן און דערמאן זיך אויב דו האסט איינעם וויי געטון און זאלסט
~~~~~~~~~~

יענעם איבער בעטן, ווייל אז מען טוט ווי א צווייטן באצאלט מען זייער א טייערע פרייז.

דאס וואס דו ווילסט וויסן צי דו זאלסט גיין צו מקובלים וכו׳; איך וואלט דיר גע׳עצה׳ט דו זאלסט פארן קיין יבניאל צום ציון פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו. מוהרא״ש האט מבטיח געווען מיט א שטארקע הבטחה (צוואת מוהרא״ש, אות ה): **״אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג״.**

מען זעט אפענע ניסים און ישועות יעדן טאג ביים ציון פון מוהרא״ש; בחורים און מיידלעך קומען צו פארן אהין פון די גאנצע וועלט אויסזאגן תהילים צו טרעפן זייער שידוך.

דעריבער זאלסטו וואס שנעלער פארן קיין יבניאל און דארט אויסזאגן תהילים **לזכות רבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב זכותו יגן עלינו**, וועסטו בקרוב טרעפן דיין שידוך.

מוהרא״ש האט געטייטש דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לד:): מען האט געפרעגט רבי חנינא בן דוסא: ״מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ״, פון ווי קען מען וויסן אויף איינעם אויב ער איז אן אמת׳ער מקובל אדער נישט? ״אָמַר לָהֶם, אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי״, האט ער זיי געענטפערט: אויב לייגט ער אריין אין מיר תפילה, ער רעדט פון תפילה און שטארקט מיר צו מתפלל זיין, ״יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל״, דעמאלט ווייס איך אז ער איז א מקובל, ״וְאִם לָאו״, אבער אויב רעדט ער נישט פון תפילה, ״יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף״, ווייס איך אז ער איז א ווייט פון זיין א מקובל; אז דו זוכסט מקובלים איז דער גרעסטער מקובל מוהרא״ש וואס האט זיין גאנצע לעבן נאר גערעדט פונעם אייבערשטן און פון תפילה, ער האט נישט פארנארט קיינעם מיט קבלה לשונות אזוי ווי אלע בלאפערס וואס נארן אפ אידישע קינדער מיט קבלה; דעריבער זאלטו זיך אריבער כאפן קיין יבניאל וועסטו זיכער טרעפן דיין שידוך בקרוב.

בנוגע פערציג טעג וכו׳; מיר דארפן טון דעם רצון השם נישט ווייל נעכטן האב איך געדינט דעם אייבערשטן אדער צוליב מארגן, נאר יעדן טאג דארף מען טון מצוות ומעשים טובים און זיך היטן פון עבירות. אז מען איז אראפגעפאלן אין עבירות דארף מען תשובה טון און אז מען טוט תשובה נעמט דער אייבערשטער אן די תשובה און איז מוחל דעם מענטש אויף וואס ער האט געטון, נאכדעם דארף דער מענטש זיך ווייטער

היטן פון עבירות. עס קומט נישט ארויס קיין גוטס פון האלטן חשבון און נאר אויף דעם תנאי זיין א איד.

שטארק דיר און ווער נישט צעבראכן אז דו האסט נאך נישט דיין שידוך; טו די סגולות וואס דער רבי זאגט אז דאס איז מסוגל צו טרעפן א שידוך. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", ווען עס גייט שווער צו טרעפן א שידוך זאל זאגן אסאך די "קרבנות הנשיאים", פון (במדבר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", ביזן סוף, דאס איז די קריאה וואס מען ליינט חנוכה. נאכדעם זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג בזכות וואס איך האב געפאלגט וואס דער הייליגער רבי זאגט אז מען זאל זאגן די קרבנות הנשיאים; העלף מיר באשעפער איך זאל שוין זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג, עס איז מיר אזוי שווער צו זיין א פלג גוף, און עס איז מיר זייער שווער צו זיין ערליך ווען איך בין אליינס, איך וויל חתונה האבן וכו' וכו'".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט בקרוב טרעפן דיין זיווג און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

...

~~~~~~~~~~~

### זאלן מיר זיך אנשטרענגען צו האבן נאך קינדער?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך הער שוין לאנג די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און ס'האט פשוט געטוישט מיין בליק אויפ'ן לעבן.

איך בין א פרוי, צען יאר נאך די חתונה, מיר האבן שוין ב"ה צוויי קינדער, נאך פילע טיפולים ביי דאקטורים, און יעצט וויל איך שוין האבן נאך קינדער. מיין מאן האט נישט קיין חשק פאר נאך טיפולים, ער זאגט אז אויב דער אייבערשטער וויל אונז שיקן דארפן מיר זיך נישט אזוי שטארק אנשטרענגען, איך וויל אבער יא, און די דאקטורים זאגן אז זיי זעען נישט קיין שום פראבלעם ביי אונז.

ס'איז מיר שווער זיך צו האלטן רואיג מיט אמונה, איך וויל נאר לויפן צום דאקטער, איך האף איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן און זאגן וואס צו טון.

יישר כח

### תשובה:
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויצא, ו׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דאנקטס דעם אייבערשטן אויף די צוויי ליכטיגע מתנות וואס ער האט אייך געשאנקען; פארוואס זאלט איר לויפן צו דאקטורים מאכן טיפולים?! טאנצט פאר שמחה פאר די מתנות מיט וואס דער אייבערשטער האט אייך מזכה געווען.

בשעת א פרוי צינדט די שבת ליכט איז זייער א גרויסער עת רצון; אלע טירן פון הימל עפענען זיך אויף און מען קען אלעס פועל'ן. דארפאר זעט צו בעטן פונעם אייבערשטן בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט אויף אלעס וואס איר דארפט, בפרט אויף קינדער.

ווען איר זאלט ווען וויסן וואספארא כוחות א פרוי האט מיט אירע תפילות, בפרט ווען זי צינדט אן די שבת ליכט יעדע וואך ווָאלט איר אויסגענוצט די צייט און געבעטן דעם אייבערשטן אויף געזונט, אויף קינדער און אויף נחת; עס איז א שאד אז פרויען וייסן נישט ווי חשוב זייערע תפילות זענען און ווי אזוי אויסצוניצן זייער צייט דעמאלט. דארפאר זעט צו בעטן פונעם אייבערשטן בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט אויף אלעס וואס איר דארפט.

...

~~~~~~~~~~~

**נאך די חתונה דארף מען אנהאלטן אלע חומרות פון די עלטערן?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ביי מיינע עלטערן אין שטוב איז דא פיל מער חומרות ווי ביי געווענליכע מענטשן, מיין שאלה איז אויב נאך די חתונה דארף מען ווייטער אנהאלטן די אלע חומרות אדער נישט, איך רעדט פון זאכן וואס שטייען נישט אין שלחן ערוך.

יישר כח

## תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויצא, ו׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~~

מען קען נישט ענטפערן בכלליות צי מען זאל זיך פירן מיט חומרות צי נישט ווייל עס ווענדט זיך וואס, ווען און וואו; פון איין זייט האט דער רבי אונז געהייסן זיך פירן אן קיין חומרות, אבער עס זענען דא פעלער ווי מען דארף יא מחמיר זיין, ווי למשל ביי הכשרים און בפרט ביי פלייש. דארט דארף מען אכטונג געבן צו עסן נאר פון א שוחט וואס האט יראת שמים און מען קען נישט קויפן פון ווער עס לאזט זיך; הגם עס ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך (יורה דעה א, א): "הַכֹּל שׁוֹחֲטִין לְכַתְּחִלָּה", ווער עס קען הלכות שחיטה קען שחט׳ן; מיט דעם אלעם דארף מען זייער אכטונג געבן פון וואספארא שוחט מען עסט.

אזוי זענען דא נאך אסאך זאכן וואס מען דארף דערביי זייער נזהר זיין, מען קען נישט נוצן דעם דיבור פון רבי׳ן: "**מֶען דַארְף נִישְׁט מַחֲמִיר זַיין מִיט חוּמְרוֹת**", איבעראל. מוהרא"ש האט דערציילט אז ער האט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ביי אנשי שלומינו וואס פלעגן שטענדיג חזר׳ן וואס דער רבי האט געזאגט: "**מֶען דַארְף נִישְׁט מַחֲמִיר זַיין מִיט חוּמְרוֹת**" ווען עס איז געקומען צו הכשרים וכו׳ ווי זייערע קינדער זענען נעבעך ארויס לתרבות רעה און געווארן פורקי עול רחמנא לצלן, ווייל זיי האבן נישט מקפיד געווען אויף הכשרים וכו׳.

מען קען אסאך מאל זען ביי משפחות ווי דער זיידע איז א גרויסער עם הארץ אבער ער איז מחמיר און מדקדק כחוט השערה - צום ביישפיל - ביים מאכן אלע סארט פסולים אין זיין סוכה... עס איז א ביטערע געלעכטער ווי מען קען בויען א סוכה ווען מען קען נישט לערנען, למעשה דער זון קען שוין יא אביסל לערנען און ער האט דאך איינגעבאקן אין זיך דעם טאטע׳נס מסירות נפש ווייל ער האט דאס צוגעזען יאר נאך יאר, שטעלט ער שוין צוזאם דאס מסירות נפש מיט הלכה און פון דעם ווערט א שיינע אויסגעהאלטענע סוכה, נאכדעם דער אייניקל וואס ער האט געזען דאס מסירות נפש פון זיידן און די הלכה פון טאטע׳ן און לערנט שוין נאך מער, לייגט שוין צו נאך מער הידורים, און אזוי איז ביי אלע מצוות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמג): "כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן-עָרוּךְ לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין", איך האב געהאט חשק צו מאכן א ספר אויפן שלחן ערוך, אנצוצייכענען אויף יעדע הלכה וואס דער דין איז הלכה למעשה, "אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לָעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הנ"ל", אבער אזוי ווי עס איז ארויס געקומען דער ספר 'ליקוטי מוהר"ן' פעלט דאס שוין נישט אויס.

מוהרא"ש איז מסביר, וואספארא שייכות האט ליקוטי מוהר"ן מיט הלכה, דער ספר ליקוטי מוהר"ן רעדט דאך נישט פון הלכה?! נאר ווען מען איז זוכה צו לערנען אסאך דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן איז מען זוכה צו באקומען א קלארע און לויטערע כח המדמה צו וויסן וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון. ווייל דער רבי געבט אונז א ריינעם כח המדמה מיר זאלן זיך נישט אפנארן חס ושלום (עיין אשר בנחל מכתב לו אלפים קצ).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**וואו שטייט אז דער רבי האט געזאגט מ'זאל נישט שלאגן קינדער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

וואו שטייט אז דער רבי האט געזאגט מ'זאל נישט שלאגן קינדער?

יישר כח, שמואל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויצא, ו' כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד שמואל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

די תלמידים פון הייליגן רבי'ן זענען געווען זייער מקושר צום רבי'ן, זיי פלעגן פרעגן דעם רבי'ן יעדע זאך ווי אזוי זיך צו פירן. אזוי אויך פלעגן זיי דערציילן יעדע פרט וואס האט פאסירט מיט זיי. בפרט דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג דערציילן פארן רבי'ן יעדע זאך, און זיך גוט צוגעקוקט צו די תנועות וואס דער רבי מאכט צו וויסן אויב ער האט גוט געטון אדער ער דארף עפעס פארריכטן.

איין מאל האט רבי נתן דערציילט פארן רבי'ן וואס עס האט זיך אפגעשפילט ביי אים אין שטוב דעם פארגאנגענעם שבת. רבי נתן פלעגט כסדר אהיימברענגען געסט פון בית המדרש צו קומען עסן ביי אים, אבער דעם פארגאנגענעם שבת האט זיין זון נישט געוואלט אריין קומען צום טיש זיצן נעבן דעם גאסט וואס ער האט אהיים געברענגט, ווייל עס איז געגאנגען פון אים א שלעכטע גערוך וכו', האט רבי נתן געגעבן א פאטש פאר זיין זון ער זאל פאלגן און אריין קומען צו די סעודה. ווען דער רבי האט געהערט
~~~~~~~~~~

די מעשה פון רבי נתן האט ער אים געזאגט: "קודם כל וויל איך אז פון היינט און ווייטער זאלסטו אהיים ברענגען נאר געסט וואס דו ווערסט קענען שמועסן מיט זיי אין לערנען, נישט סתם אורחי פורחי, ווידער א קינד שלאגט מען?!" פון דעם דיבור איז שוין געבליבן אנגענומען ביי אנשי שלומינו אז מען שלאגט נישט קיין קינדער.

דאס איז גערעדט געווארן ביי קליינע קינדער; גרויסע קינדער איז א בפירוש'ע הלכה (יורה דעה סימן רמ, סעיף כ) אז מען טאר זיי נישט שלאגן, ווייל מען איז עובר אויף (ויקרא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל".

באמת אז מען טראכט גוט אריין זעט מען אז פעטש איז בכלל נישט קיין חינוך, נאר ווען מען שלאגט א קינד איז דאס נאר אויסצוגעבן די נערוון. דעריבער טאר מען נישט שלאגן קיין קינדער; נישט נאר עס העלפט נישט, עס ווערט נאר מאכן אסאך ערגער וכו'.

אודאי דארף מען אכטונג געבן אז א ווארט פון א טאטע און מאמע זאל זיין טייער און חשוב; אזוי אויך דארפן קינדער פאלגן. מען באלוינט זיי פארן פאלגן און מען קנס'ט זיי אויב זיי פאלגן נישט. למשל, אויב דאס קינד פאלגט נישט - ער גייט נישט שלאפן ווען מען הייסט אים, ווארנט מען אים אז ער וועט ער נישט קענען שפילן וכו', אבער נישט שלאגן. שלאגן האט גארנישט מיט חינוך, דאס איז סתם זיך אויסגעגעבן די נערוון.

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער. עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד וואס האט זייער מצליח געווען מיט אלע זיינע קינדער, ווען מען האט אים געפרעגט: "ווי אזוי האסטו זוכה געווען אז אלע דיינע קינדער זענען ערליכע אידן?" האט ער געענטפערט: "וואס מיינט איר, איך האב זיי אראפגעריסן פון בוים?! איך האב אסאך טרערן פארגאסן צום אייבערשטן איך זאל זוכה זיין צו זען נחת פון זיי; איך פלעג וויינען יעדן טאג צום אייבערשטן ער זאל מיר געבן ערליכע קינדער, דערפאר האב איך זוכה געווען צו ערליכע קינדער".

...

~~~~~~~~~~~

### מעג איך האבן ווי כאילו א בילד פון באשעפער ביי מיר אין קאפ?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע שיעורים און חיזוק, דאס פירט מיר צום ריכטיגן וועגן אין שלום בית, פרנסה, און נאך פיל. די שיעורים זענען ממש כמים קרים על נפש עיפה.

פון קינדווייז אן האב איך ביי מיר אין קאפ א געוויסער בילד ווי כאילו דער אייבערשטער זעט אויס אזוי. איך בין אלעמאל געווען באקוועם דערמיט, עס העלפט מיר ביים דאווענען וכדומה, און דאס איז מיר לכאורה ארייגעקומען אין קאפ פון קינדערישע דמיונות אדער פון ביכלעך צו קאלירן.

מיין שאלה איז אויב דאס איז עפעס וואס איך טאר נישט טראכטן. דארף איך דאס ארויסהאקן פון קאפ? אדער אפשר איז דאס גאר א מעלה?

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויצא, ו׳ כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיר געפונען אין זוהר הקדוש (פרשת נשא, דף קכז עמוד ב; ועוד) אז יעדעס מאל ווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי האט אנגעהויבן לערנען מיט די הייליגע חבריא קבלה האט ער צו ערשט אנגעפאנגען מיטן פסוק (דברים כז, טו): ״אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה פֶסֶל וּמַסֵּכָה״, פארשאלטן זאל זיין דער וואס מאכט א געשטאלט פונעם אייבערשטן; דער אייבערשטער איז נישט קיין געשטאלט, ער האט נישט קיין שום שייכות מיט אן אויסזען און מען קען אים נישט אויסמאלן, מען דארף גלייבן אז דער אייבערשטער איז איבעראל און עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויסער אים.

געוואוין זיך צו כסדר צו חזר׳ן די אני מאמין׳ס וואס איז די יסוד פון די הייליגע אמונה; ביי אונז פירט מען זיך יעדן אינדערפרי גלייך נאך ברכת התורה צו זאגן די דרייצן אני מאמין׳ס, אזוי הייבט מען אן דעם טאג מיט אמונה. דעריבער זאלסטו זיך צוגעוואוינען יעדן אינדערפרי צו זאגן די דרייצן אני מאמין׳ס, בפרט זאלסטו אסאך חזר׳ן די דריטע אני מאמין: ״אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל״, זאג עס אין אידיש: ״איך גלייב אז דער אייבערשטער איז נישט קיין געשטאלט, עס עקזעסטירט נישט ביי אים די מציאות פון א געשטאלט און מען קען אים נישט אפמאלן״; אז דו וועסט דאס אסאך חזר׳ן וועסטו זוכה זיין צו האבן א ריינע אמונה.

געוואוין זיך צו צו קוקן אויפן הימל ווען דער הימל איז לויטער, ווייל דער רבי זאגט (ספר המידות, אות אמונה, סימן יד): "כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים", עס איז א סגולה צו האבן אמונה אז מען קוקט אויפן הימל.

אז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו רעדן אסאך צום אייבערשטן וועסטו זוכה זיין צו האבן א קלארע אמונה אן קיין דמיונות.

...